STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02830

SHTERN FALN

Shmuel Top

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל טאָפּ

שטערן פֿאַלן

פֿאַרן טײַערן חבר [illegible]

מיט אָנערקענונג פֿון פֿרײַנט

תל-אביב, [illegible] - 1981

וועגן מחבר און זיינע ביכער האָבן געשריבן:

מלך ראַוויטש
וואָלף יאַסני
י. אַרטוסקי
אברהם באַראַבאַן
באָרווין פרענקעל
אברהם ליס
שמעון קאַנץ
יצחק יאָנאַסאָוויטש
דוד ספאַרד
יהודה קערש
יצחק לודען
יצחק אייזענבערג
ל. ברענער

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון:

ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל;
אליעזר פינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור;
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות;

שמואל טאָפּ

שטערן פֿאַלן

ה. לייוויק־פֿאַרלאַג

בײַם פֿאַראײן פֿון ייִדישע שרײַבער
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

תשמ״ב — 1982

SAMUEL TOP

S Z T E R N   F A L N

שמואל טאָפּ / שטערן פֿאַלן

H. Leivik Publishing House
30, Dov Hoz Str., Tel-Aviv, Tl.: 34166, Israel

ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, תל־אביב, רח' דב הוז 30

Samuel Top — 88 Frishman Street, Tel-Aviv, 64165, Israel

©

נדפס בישראל, תשמ"ב

Printed in Israel — 1982

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, טל.: 822481, תל־אביב, ישראל

מ אָ ט אָ :

טראָג דיינע אמתן
ווי פערל אויפן האַלדז

לעוו טאָלסטאָי

וועלט און מענטש

דער מענטש

דער מענטש
איז דער מוח,
דאָס האַרץ
פון דער וועלט.

דאָס האַרץ
איז די נשמה
פון מענטש.

צום מענטש:
צו זיין מוח,
צו זיין האַרץ,
צו זיין פילבאַר געמיט —

ווענד איך
מיט ציטער
מיין אומרויִק ליד.

תל־אביב, 19־טן אויגוסט 1979

דאָס האַרץ

די חלומות פון מענטש לעבן אין האַרץ,
דאָס האַרץ לעבט אין געצעלט פונעם מענטש.
דער חלום ציטערט פאַרן שווערן קיום
פאַר געראַנגל מיט דער עקזיסטענץ!

אין דעם געראַנגל פון חלום
צו ווערן דער האַר פון דער וואָר,
פאַרלירט דעם חלום די פליגל
און פאַלט דעם מענטש — צופוסנס גאָר!

שפּעטער באַקומט שוין דער חלום
אַ נייע מעטאַמאָרפאָזע —
פאַרגליווערטע קרישקעס פון בלוט,
מיטן נאָמען — טראָמבאָזע.

טראָמבאָזע־קרישקעס אין בלוט
פאַרהאַלטן דעם מענטשלעכן לויף,
פאַרשטאָפּן דאָס פּילבאַרע האַרץ
אין גאַנג — צום שטילן סוף.

תל־אביב, 25־סטן אויגוסט 1979.

דער ראַק

ווען ס'קריכט דער פילפיסיקער ראַק
אין מענטשלעכן קערפּער אַריין,
צעלייגט ער גרויזאַם זיין גוף —
עסט אויף זיין איידל געביין.

ער גייט געאָרעמט מיטן טויט,
דערשרעקט דעם מענטש —
אַ רגע, נישט צום פאַרגעסן —
אין די שוואַרצע מעת-לעתן.

ווי אויף שטילע כוואַליעס אין טייך,
שווימט דער בייזער ראַק אין מענטש;
מיט אַכזריות זויגט ער זיין בלוט,
וואָס גאָט האָט צו לעבן געבענטשט!

תל־אביב, 12טן אויגוסט 1979

חמסין

אין טאָג פון חמסין —
מיט העליש־פייער ברענט די זון:
זי גליט, בריט און פאַרברענט
אַלץ, וואָס קומט איר אונטער
די צעשפּרייטע שטראַלנהענט.

אין טאָג פון חמסין —
ווי אַ מענטש פאַרחלשט
ליגט דאָס פעלד אויסגעצויגן,
געל, פאַרוועלקט און שטייף,
מיט פאַרמאַכטע אויגן...

די פייגל —
אין טאָג פון חמסין,
באַהאַלטן זיך אין וועלדער,
אין גערטנער, אויף דיקע צווייגן,
אין שאָטן פון שירעם־בלעטער,
אויף ביימער — און שווייגן.

אין טאָג פון חמסין —
שעפּטשעט קוים דער ירדן —
אין זיין שטילן שטראָם
צו די שוויגנדיקע פיש
וואָס רוען אין דער קילער טיף.

בלויז דער מענטש —
אין טאָג פון חמסין,
איז נערוועז כסדר,
ווי אַ שפּינדל
אין אַ פאַרמאַכטן זייגער.

תל־אביב, 1־טן יולי 1979

דורות

געווידמעט דעם אָנדענק ;
מיין שוועסטער מלכה און שוואָגער פּייזל —
זכרונם לברכה.

דור הולך ודור בא
איין דור קומט, דער צווייטער גייט,
ווי אין אַ טראַנסמיסיע־קייט,
ווו ס׳פאַרבינדט זיך רינג מיט רינג —
אַלטער מענטש מיט יונגן קינד.
צענויפגעבונדן מיטן לעבן —
דרייען זיך און זיך באַוועגן —
ווי די ערד אַרום דער זון.

דור הולך ודור בא,
ווען עס קומט די גוטע שעה...
אַזוי באַוועגט זיך אייביקייט :
איינער קומט, דער צווייטער גייט,
אַלץ, וואָס האָט געלעבט פאַרגייט —
מאַכט אָן אָרט פאַר נייער צייט,
וואָס דערנענטערט זיך און גייט ?
טייל מאָל קריכט זי, ווי אַ שילדקראָט —
אַז מען זעט זי קוים פון ווייט.

דור הולך ודור בא,
איין דור פאַרשווינדט — דער צווייטער קומט,
אַ מאָל צו פרי, אַ מאָל צו שפּעט,
עס ברעכט זיך אָפּ אַ רינג פון קייט,
די אַלטקייט, אָפּגעוועלקט, פאַרגייט,

איז גראָ געוואָרן פֿאַר דער צייט,
דאָס לעבן וואָס האָט אַ מאָל געזונגען,
הייבט אָן שטאַרבן און פֿאַרשווינדן,
דער יונגער דור וואַקסט אויף און גייט —
ער זינגט אַ לויב צו נייער צייט!

תל־אביב, 31־סטן דעצעמבער 1980

דאָס געוויין פון געפֿאַלענע שטערן

די אויסגעלאָשענע
הימלישע שטערן
האָב איך געהערט
יאָמערלעך קלאָגן,
ווען זיי זענען
געפֿאַלן צו דער ערד
מיט מענטשלעכער שרעק
אין כמורנע פֿאַרטאָגן.

איך האָב אויך אַ מאָל
די אויסגעלאָשענע
מענטשלעכע „שטערן"
אין „פֿאַרגעסענעם טאָל"
קלאָגן געהערט,
ווען זיי זענען געפֿאַלן,
ווי צעבראָזגעטער גלאָז
צעשפּריצט אויף ערד.

תל־אביב, 24סטן מיי 1980

אַטאָם

די קער פון אַטאָם,
וואָס זיצט אַרומגעהילט
מיט עלעקטראָנישע וואָלקנס,
איז געדיכט אָנגעפילט,
ווי אַ קליינער מילגראָם.

די עלעקטראָנען —
אין געלויף — דרייען זיך,
ווי אַ קאַרוזעל,
טאַנצן רונד אַרום
דעם קערן פון אַטאָם.

די נייטראָנען
און פּראָטאָנען,
ווי אַ סיאַמער-צווילינג,
קלעפּן זיך צוזאַמען,
ווייל פון איין מאַמען —
די קוואַרקן —
זיי שטאַמען.

און קריגם וועג'ם —
דער קליינער „מילגראָם"
פון דרויסן אַ שטויס —
רייסט אויף
די קער פון אַטאָם,
אין זיין מוטערשויס.

ס׳טוט אַ שטילער;
העל־בלויער בליץ —
מיט טויט אַקטיווע שטראַלן —
דער קערן־באָמב.
צו הימל,
גייט אויף אין טרויער
פון פאַרוויסטער ערד:
אַ ווייסער, גיפטיקער שוואָם.

תל־אביב, 18־טן מערץ 1980

עקאָלאָגיע

מאַמע ערד,
די מענטשן־קינדער
פאַרשוואַרצן דיין גרין צעבליטן פּנים,
דיין הויכן שטערן — די בלויע הימלען —
מיט פלעטע, שוואַרצע וואָלקנס רויך:
פון די הוזשיקע אויטאָ־מאַשינען
צעפלויגן ווי די ווילדע חיות אויף די וועגן,
פון שיפן וואָס אַקערן די ימען;
שפּייען מיט רויך,
פון אימפּעט־יאָגנדיקע באַנען
און פון גראַציעזע אָדלער־עראָפּלאַנען.

מאַמע ערד,
די מענטשן־קינדער,
פאַרפעסטן כעמיש דיינע צמחים,
וואָס אָטעמען מיט לופט — די ריינע:
די אַגראָ־פעלדער מיט תבואות,
די קאָלירטע בלומען־גערטנער
מיט זייערע טויזנט חנען,
די אויבסטסעדער, ווייגנערטנער,
וואָס דערקוויקן דעם מענטש
מיט זאַפטן און וויינען.

מאַמע ערד,
די מענטשן־קינדער,
פאַרטיליקן די גרינע וועלדער —

די לונגען פון דער שיינער וועלט,
די קלאָרע טייכן, מיט פליסיקן געזאַנג,
פאַרלירן די פרישקייט פון זייער געטראַנק,
די בייכיקע באַשפּייזערינס אונדזערע:
די תהומיק־טיפע, בלויע ימען —
דאָס מלכות פון טאַנצנדיקע פיש —
ווערן פאַרדאַרבן מיט נאַפט
און מיט ראַדיאָ־אַקטיווע סמען.

מאַמע ערד,
די מענטשן־קינדער,
וואָס האָבן אַליין מיט מי געבויט —
פאַרסמען היינט מיט גאַז —
די אומרויִקע שטעט, די שיינע,
מיט איידעלע, קונסט־אָרנאַמענטן —
די צירונג פון מענטשלעכן שכל;
אַפילו די בערג פאַרגיפטן זיי —
דאָס אָרט אויף דער ערד
פאַר אַ געטלעכן היכל.

*

פאַרוואָס?

תל־אביב, 12־טן יוני 1979

ערדציטערניש

מאַמע ערד,
פאַר וואָס ציטערסטו אַזוי,
ווי אַ מענטש פון היץ, צי פון ווילסטער קעלט.
צי פאַרן גורל, וואָס דיר איז באַשערט
בײַנאַנד מיט דער קראַנקער, אַטאָמישער וועלט ?

צי האָבן דײַן אַלטן גוף אַטאָמען צעשטערט ?
ביסטו נאָך קראַנק, צי איז דיר סתם נישט גוט,
וואָס דײַן קראַטערמויל שפּײַט צו דער ערד,
ווי פון קראַנקע לונגען — הייסע לאַוועבלוט ?

מאַמע ערד,
צי איז דײַן קדחת אַ כראָנישע קרענק,
צום „כוח עליון" פון אַ מאָל זי געהערט ?
ווײַל, נאָך אין די צײַטן פון תוהו ובוהו,
האָט ער שוין די כוחות צעטיילט אויף הימל און ערד,

און גייע באַשאַפן צום לעבן :
דעם מענטש, די פיש, די פליג און דאָס פערד ;
צום לויפן — דאָס הייסע פערד זאָל זיך רייסן,
די זלידנע פליג — זאָל אים נאָכיאָגן און בייסן.

מאַמע ערד,
אפשר די אַלטע בײַנער אויסוואַרעמען דיר גוט,
מיט די נײַסטע לייזער־שטראַלן ?
אָדער אײַנשפּריצן דיר — נייטראָנען אין בלוט ? —
די רפואות העלפן ווײַל אין בײדע פאַלן !

אָדער, גאָר געבן אַזעלכע רפואות,
וואָס זענען באַרימט שוין אין אונדזערע קאַנטן!
„געהאַקטע באַנקעס" ברענגען ישועות,
ווען מען שמירט דעם קראַנקן אויס — מיט הייסע קוואַנטן!

מאַמע ערד,
ווי אַ לונאַטיק בלינד אין דיין גאַנג —
אויפֿן סייסמאָגראַפֿישן ריכטער־לייטער.
שטייגסטו ווען אַריבער — דעם ציפֿער פֿיר!
ווערט דער מלאך המוות דיין באַגלייטער.

מאַמע ערד,
אפֿשר פֿאַרדריסט דיך וואָס אַטאָם־באָמבעס
צערייסן דיין אייביקן, ריטמישן לויף?
באַשטראָפֿסטו די וועלט: צעשטערסט די הייזער
פֿון פֿרידלעכע מענטשן, טויטסט זיי אין שלאָף.

*

מאַמע ערד!

תל־אביב, 31־סטן יולי 1979

דער הוראַגאַן

א

דער הוראַגאַן קאָן זיך פֿלינק באַוועגן
ביז הונדערט־פֿופֿציק מייל אַ שעה,
הייכט אויף טייכן איבער ברעגן,
פּאַרשפּעטיקסטו, איז ער שוין דאָ,

פּאַרפּלייצט די וועגן און די שטעט,
צעשטערט די הייזער ביי די טייכן;
ער טרינקט אין שכנות אַלץ וואָס שטערט
וואָס קאָן זיין פֿלינקייט נישט דערגרייכן.

ב

איך קוק אין פֿענצטער און צאַפּל פֿון שרעק,
מיט קי פֿון דער פּאַשע דאַרף קומען מיין קינד;
ער פּאַשעט זיי דאָרטן אין גראָז פֿון וואַלד,
אין דרויסן וויינט אַ רעגן אין ווינט.

אין אַ מבול־רעגן לויפֿן דריי ברוינע קי,
צוזאַמען מיט זיי דער „פּאַסטעך״ — מיין קינד,
פֿון כמורנעס פֿרימאָרגן — אין מאַרייִשן וואַלד —
זינגען וועלף אין ניגון פֿון ווינט.

תל־אביב, 14־טן סעפּטעמבער 1979

סוסלעס

געווען איז דאָס אין פערטן מלחמה יאָר,
אין אַ הייסן מיטל-אַזיאַטישן טאָג.
ס׳איז הונגער און קראַנקייט געגאַנגען אין פּאָר,
דער געלער טויט האָט זיי ביידע דעריאָגט.

אויף פעלדער דאָרפישע האָבן ביי נאַכט
סוסלעמייז אויפגעגעסן אַלע תבואה-זאַנגען.
אויך אַ פויער — אַ צעביסענער — די נאַכט,
האָט פון צער אויף אַ בוים זיך אויפגעהאָנגען.

מלחמה-צייט, עסן מענטשן גרויסע סולעמייז,
אין דעם ברייטן, סטעפּנלאַנד, מאָרגנסטאָן.
איך אַ ייִד פון פּוילן אַ פּליט אָן אַ הויז,
ווער פאַרבעטן צו זיצן אויפן משפחה-דיוואַן;

עסן צוזאַמען מיט זיי — די „קעניגלעכע שפּייז",
וואָס טרעפט זיך אַ מאָל אין אַ הונגעריאָר,
ווען ס׳איז ווייניק תבואה אויף פעלדער פאַר מייז —
צו זייערע הייזער פאַרקריכן זיי גאָר.

אויף ווייכע דיוואַנעס — פּיס אונטער זיך אויף דער ערד —
זיצן אַלע: אייניקלעך, זין און טעכטער.
די מאָרגנסטאַנער צופּן זיך די שיטערע בערד,
די קינדער שטיקן זיך שטיל — מיט געלעכטער.

ס'צאַנק — ווי אַ ליכט פון הונגער,
ס'באַדעקט מיך קאַלטער שווייס,
מיר ווילט זיך ברעכן, מיר ווילט זיך וויינען,
ווען כ'קוק אויפן פולמים מיט געבראָטענע מייז —
די מענטשן קוקן אויף מיר — און זיי שטוינען.

תל־אביב, 6־סטן אויגוסט 1979

שטערן פאַלן ווייִנענדיק

עס פאַלן שטערן ווייִנענדיק,
מיטן פּנים צו דער ערד.
זיי ווייִנען, ווי היימלאָזע מענטשן,
אויף די פאַרלוירענע היימען,
מיט אַ מענטשלעכער טרער.

זיי ווייִנען, ווי עלנטע שאָף,
וואָס בלאָנדזשען אויף שטעגן,
וואָס זענען זיי פרעמד ;
אַ פּאַסטעך זיי זוכן צו פרעגן :
— ווו אַהין פירן די פינצטערע וועגן ?

גיט אַ פייף אַ פּאַסטעך — מיט אַ כישוף־בייטש —
צו די שטערן, וואָס בלאָנדזשען אין וועג :
— דאָס געוויין פון פאַלנדיקע שטערן,
ווי זון־שטראַלן, ברענגען אונדז וועט
ליכט צו די מענטשן אויף דער ערד !

תל־אביב, 30־סטן יאַנואַר 1979

מיין ליד

דממה

ס'איז בלוי און שטיל,
אַלע פידלען שלאָפן שוין אין מיר.
בלויז איין סטרונע וויל נישט בלייבן שטום,
דערלאַנגט זיך אַ וויבריר.

איך פיל, ס'דערוואַכן איצט אין מיר
שטילע טענער פון אַ ניגון,
פון אַ ליד, וואָס וויל געבוירן ווערן.
בלויז אין שטילקייט פון דממה
קאָן איך עס קוים דערהערן.

עס טוליעט זיך אַ ליד
צו די סטרונעס פון מיין האַרץ.
אַלע פידלען וועקן זיך צום שפילן.
צעגייט זיך די דממה מיט בלוי אין מיר,
צעמישט דעם בלוי מיט די געפילן.

תל־אביב, 21־סטן דעצעמבער 1977

מײַן ליד

מײַן ליד
איז דער תוך פֿון מײַן איך,
ווי דעם פֿעלדס — דער בוים,
ווי דעם טאָגס דאָס ליכט,
ווי דער אייביקייטס — אַ רגע טרוים.

מײַן ליד
איז ווי דער מאָרגנטוי ריין,
ווי דער שניי קלאָר און ווײַס,
ווי אַ רעגן פֿרישט עס אָפּ
און ווי די ליבשאַפֿט איז עס הייס.

מײַן ליד,
איז מײַן טאָג און מײַן נאַכט —
אַ מאָרגן פֿון חלומות באַהעלט;
אַ בינטל זאַנגען געשניטן
אויף אַ זומערדיק־רײַפֿן פֿעלד.

מײַן ליד,
איז פֿון אומרו געפֿלאָכטן,
פֿון גלײַיִקן צאַפּל געפֿורעמט.
מײַן ליד איז אַ וויזיע
פֿון אומרו צעשטורעמט.

תל־אביב, 20־סטן אפּריל 1980

גערא̄נגל

א

דיינע רייד רינגלען דיך אַרום, ווי מויערן,
בלויז דריי קליינע שפּאַרונעס בלייבן דיר אָפן.
דריי, דאָס זענען: פון רחמים די טויערן,
אַ ביסל תפילה טאָן פאַר זיך — גלייבן און האָפן!

דו ביסט פאַרזונקען אין זיך — הערסט בלויז דיינע רייד,
וואָס רינגלען דיך אַרום — אַ שווערע רינגענקייט.
טייל מאָל ווילסטו זינגען — אַ ביסל יוגנט־פרייד,
דוכט זיך דיר — ביסט מער נישט קלוג מיט דיין נאַרישקייט...

ב

פאַרקלעמט זענען מיינע ליפּן — תפילה צו טאָן,
פאַר תפילות איז דער קוואַל פון מיין האַרץ געשלאָסן.
אין מיין נשמה גייט אַ מרידה לאַנג שוין אָן —
מיט אַ קידער־ווידער פון בייסיקע פאַרוואָסן.

עפן ווידער די קוואַלן פון האַרץ פאַר געזאַנגען,
לינדער מיר דעם צער, די מענטשלעכע פאַרדראָסן.
צעריים די קייטנרייד, כ'זאָל מער נישט זיין געפאַנגען,
גיב פרייד מיין האַפן — פאַרענטפער די פאַרוואָסן!

תל־אביב, 4־טן סעפּטעמבער — 10־טן אָקטאָבער 1979

צום דיכטער היינריך היינע
און די לידער־טויבן זיינע

מיין זון גבריאלן

א

כ׳פרעג אַ פראַגע דיך מיט ציטער —
גרויסער דיכטער היינריך היינע:
דער ליבע־סוד און זיין געוויטער —
איז ער בלויז דער וואונדער דיינער?

ביאַליק זינגט פון ליבע־שירים,
ווי דו, גרויסער דיכטער היינע!
„ס׳איז ליבע אויף דער וועלט נאָך דאָ" /
פרעגט אין בענקשאַפט — וווּ איז מיינע?"

בענקשאַפט ברענגט אַ ים יסורים
אומרו זייגט דעם מאַרך פון ביינער.
כ׳זינג פון ליבשאַפט פראָסטע שירים,
וואָס גרייכן נישט די קנאַפל — דיינע.

ב

ווער קאָן זיך מיט דיר פֿאַרמעסטן —
אין דעם ליבע־ים דעם טיפֿן!
דו, דער קאַפּיטאַן דער בעסטער
אויף די ווענוס־זעגלשיפֿן.

אויף שטורעם־כוואַליעס אויפֿגעהויבן —
דיין פּאַסיע ליריש אויסגעזונגען.
האָסט פֿריי געלאָזט די לידער־טויבן,
טיף אין ליבע־תהום געשפּרונגען.

וואַנדערט, לידער, טעג און וואָכן,
צוו מיין עלטסטן ברודער היינע,
ווו די לידער־טויבן שלאָפֿן...
פֿרעגט, צי בענקען זיי ווי מיינע?

תל־אביב, 18־טן יאַנואַר 1957

מיט שלום־עליכמען

ר׳ טוביה פאָרט מיט מיר אויף דאַטשע,
באַוויינט דעם גורל פון די טעכטער.
זיין וואָגן שלעפּט — מענדעלעס קליאַטשע,
די רעדער פּלאַצן פון געלעכטער.

אַ קאַסריליק זינגט אַ לידל,
שפּאַצירנדיק אין מיטן גאַס,
צעוויינט זיך סטעמפּעניו אין פידל,
קאַסריליק ברומט אַרויס פון באַס.

ר׳ טוביה שלעפּט די קאַנען מילך —
צוזאַמען מיטן עול־פּרנסה.
מנחם־מענדל דרייט אַ ווינטמיל,
האָט אויף שבת נישט — פּאַרוואָזשע?

נאָר ער דרייט זיך און ער פרייט זיך,
וואַרפט „מיליאָנען", ווי די ביינדלעך.
אַהיים אויף יום־טוב צוגעגרייט זיך —
צו באַשיינען שיינע שיינדלעך.

תל־אביב, דואר מיון, אפריל 1960

טרערן

טרערן פליסן תמיד הייסע,
ס'וועגדט זיך נישט אין דעם וואָס וויינט.
טרערן פליסן — ווי איך ווייס עס,
פון איין קוואַל — פון האַרץ אַליין.

ס'זענען טרערן קרישטאָל ווייסע,
עס זענען טרערן רעגן־גרוי,
עס געווענדט זיך אין דער מעשה,
וואָס קומט נישט פון דער העלער הויט...

איז געשען אַ גרויסער אומגליק,
צי אַ פרייד איז דאָרט געווען?
צי פליסן טרערן היינט פון גליק,
צי עפּעס טרויריקס איז געשען?

ס'פליסן טרערן פון איין קוואַל,
קרישטאָלן זענען זיי און ריין,
ס'ווענדט זיך אין דערציילטער מעשה,
וואָס פון איר איז צו פאַרשטיין.

תל־אביב, 7טן פעברואַר 1976

אינסטינקט

ווי עס ראַנגלט זיך אַזוי
מיין גוטע פעדער — טייל מאָל
פול מיט שלעכטן טינט.

אַזוי ראַנגלט זיך
פון מיין גייסט אַ פונק —
מיט אַ קליינעם מיקראָמאָל,
וואָס מ׳רופט אים אָן **אינסטינקט.**

טייל מאָל איז ער מילד און צאַרט,
ווי אַ גוטע, ליבע מוטער.
טייל מאָל איז ער שטרענג און האַרט —
אַ גערעכטער ,טרייער פאָטער.

גוט צו מענטשן איז ער — אַלע מאָל...
ס׳גייט אים ממש אויס דאָס היות !
איז ער קראַנק — דער מיקראָמאָל,
ווערט אינסטינקט — אַ ווילדע חיה !

ברוקלין — נ. י., 21טן נאָוועמבער 1978

פּאַראַפראַזע

„לא ינום" —
ער כאַפּט קיין מאָל
נישט קיין דושים.

„ולא ישן" —
תמיד וויל ער,
וואָס מער זען.

גאָט
טאָר נישט דרימלען.
ער מוז וואַכן
אין די הימלען.

ער האַלט
די אויגן אָפן.
דאָס פינטלען פון שטערן —
לאָזט אים נישט שלאָפן.

תל־אביב, 4טן אויגוסט 1977

כ׳זע דיך אין ליכט

אויף דער ערד ביי נאַכט
ווען איך שפּאַן,
כ׳זע דיך אין ליכט
פון צאַנקנדיקע שטערן.

אין בלויען ליכט ביי טאָג —
אויף גרינע טעפּעכער אין פעלד,
איך זע דיך אין חלום
פון ווערן גרוים —
פון דעם קלענסטן גרעזל.

צאַנקט אין אומעט
ווען מיין לעבן,
כ׳זע דיך אין דער פרייד
פון שפּרינגנדיקן העזל.

ביים ים, ווען איך רו,
צו קילן מיין געמיט
אין כוואַליקן געזאַנג
איך הער דיין ריטמישן גאַנג.

תל־אביב, 15טן מיי 1977

פון משפחה־אַלבאָם

אונדזער ניגון

געווידמעט מיין ברודער אינאַ טאָפּער

עס האָט אונדזער טרייע מאַמע —
פֿאַר מיין יינגסטן ברודער אינאַ —
אויסגעצערטלט מיט אַ ניגון
זיין שיינעם, ליבלינג-נאָמען.

אינאַ — אינאַ — אינאַלע! —
טוט זי אים מיט פרייד פאַרוויגן —
שלאָף, מיין טייער יינגעלע! —
פלעגט זי שפּינען אים אַ ניגון.

און מיט גינגאָלד-טענער טרעלן,
אויסגעזונגען זים זיין נאָמען;
און פון נחת ס׳האַרץ טוט קוועלן:
גוטע טעג פאַר אים וועט קומען!

שוועסטערלעך ביים וויג געשטאַנען,
איינגעזאַפּט, ווי ער, דעם ניגון:
פלעגט די וויג פון פרייד ווי שוואַנען
אויף אַ טייך אַליין זיך וויגן.

אונדזער טאַטע — אַמאָליקער משורר —
ביי אַ חזן אינעם שטעטל,
אַרומגעטוליעט ר׳האָט מיין ברודערם —
מיט ניגונים — קינדערבעטל.

שטילע לידער, צאַרט געזונגען,
פֿול מיט ליבשאַפֿט דורכגעפֿלאָכטן,
האָט אינאַ זיין געזאַנג געשלונגען
און מיט זיין גינגאָלד־שטים פֿאַרהאָפֿטן.

תל־אביב, 3־טן יאַנואַר 1980

צווילינג־ברידער

פאַר גיל און אלון
צום ניינטן געבוירן־טאָג — מיט ליבשאַפט

א

דו זעסט די צווילינג־ברידער צוויי?
ווערסט זיי קוים אַ מאָל דערקאָנען;
גיל און אַלון הייסן זיי —
פרוּוו זיי רופן ביי דעם נאָמען!

און ענלעך זענען זיי אַזוי:
בלאָנד די האָר מיט בלויע אויגן,
ווי צוויי טראָפּנס מאַרגנטוי,
הירשלעך פלינקע, פייל פון בויגן.

רופסטו אַלונען ביים נאָמען,
ענטפערט גיל: נישט ער — בין איך!
קאָנסט זיי ביידע היינט דערקאָנען,
לויט די קאָלירן פון די שיך.

קאָנסט פאַרגאַפן זיך און קוקן,
יוען אַלון ערנסטער איז ווען,
מיט אַ שטיפעריי זיך קוויקן,
גאָר גיל איז תמיד אַ באַהעם...

זיי גייען ביידע אין איין שול —
אין באַזונדערע צוויי קלאַסן;
די לערער זאָלן זיי קיין מאָל
ביי די נעמען נישט פאַרטווישן.

ב

שפּעטער אָוונט, טאַטע־מאַמע,
קומט צוריק אַהיים פון שטעטל.
קוקן זיי אין קינדער־צימער —
ס׳צווילינג שלאָפט גאָר — אין איין בעטל!

קוקט דער טאַטע אָן די מאַמען —
ווער פון זיי איז ווער? — דערקאָנען?!
לויט דער מוסטער פון פּידזשאַמעס?
נעמט די מאַמע זיך דערמאָנען...

מיט חברים שפּילט מען פוסבאָל,
מיטן טאַטן שפּילט מען שאַך.
מיט דער מאַמען מאַכט מען לעקציעס,
פון מאַלעריי — מ׳לערנט זיך די שפּראַך.

און מיט זיי — די שוועסטער עדנה,
קינדער דריי פון טאַטע־מאַמע.
פון געלעכטער־שפּיל ביז וויינען,
שטענדיק שפּילן זיי צוזאַמען.

פאַלמעס שלאַנקע פון זוניק־לאַנד:
גיל און אַלון — סאַברעס ביידע.
און דער דיכטער פון דעם ליד,
איז דער אין זיי פאַרליבטער ביידע.

תל־אביב, 15־טן פעברואר 1980

צו עדנהלעס בת־מצווה

עדנהלען מיט ליבשאַפט

היינט איז דיין בת־מצווה,
עדנהלע מיין שיינע !
טו אוים די קינדער־שיכעלעך —
די גאָלדענע, די קליינע.

אַנטאָן נייע שיך וועסט דו :
רויטינקע און גרויסע,
ווי מיידלעך פון טיפש־עשרה —
זיי נישט, ווי זיי, קיין שוטה !

ווינטש איך דיר, ליב אייניקל —
צום יום־הולדת דיינעם :
תמיד זיי געזונט און פריי,
אַ גליקלעכע, אָן זאָרגן קיינע !

תל־אביב, 22־סטן אויגוסט 1978

צו מיין הערשעלען

(וויגליד)

איי-לו-לו, הירשעלע —
ס'טוט דיין טאַטע וויגן דיך,
שלאָף, מיין טייער קינד!
אַלע קינדער שלאָפן שוין,
ס'שלאָפט דער שטורעמווינט.

איי-לו-לו, הירשעלע —
שלאָף מיין ליבער זון!
ביסט דער המשך פון מיין דור,
יורש פון מיין אַלטן שטאַם,
דיר זאָל זיין צו לאַנגע יאָר.

ס'האָט דיין זיידע ליב געהאַט
אַלע קינדערלעך, ווי זיינע:
ווי די סעדער און זיין היים,
ליב — פאַר אייניקלעך די קליינע
אַ יידיש מעשהלע צו לייענען —
ביז אין האַלבער נאַכט אַריין.

וועסט אויפוואַקסן, הירשעלע, —
זיין אַ שטאָלצער ייִד.
וועסטו מער נישט האַנדלען
"מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען",
טראָגן אָרעמקייט אויף אַקסל —
צו דעם וועלט-יריד.

אײ־לו־לו, הירשעלע —
ס׳טוט דײַן מאַמע װיגן דיך —
שלאָף, מײַן טײַער קינד.
אַלע קינדער שלאָפֿן שױן,
ס׳איז רויִק הײַנט אין דרויסן —
ס׳שלאָפֿט דער שטורעמווינט !

װאַרשע, 27־סטן אויגוסט 1949

מיין טאַטנס בלויער סאָד

מיין טאַטע
איז אַראָפּ מיט אַ בוך אין האַנט
פון זיין שטרויגעלעגער,
מיך איינגעטוליעט ווארעם
אין זיין ווייכן, ווינטערקאָץ.

מיין טאַטע
איז אַראָפּ פאַר טאָג
פון זיין וואַרעמען געלעגער —
צו טרעטן אויפן מידן גראָז
נאָך אַ רעגננאַכט מיט שטורעם.

מיין טאַטע
איז אַוועק אין קאַיאָר
צו קלייבן געפאַלענע עפּל,
וואָס ליגן באַהאַלטן אין גראָז —
צעשלאָגענע דורך בייזע ווינטן.

פון מיין געלעגער
אין ביידל פון שטרוי
כ׳זע מיין טאַטנס פיס,
וואָס וויגן זיך ווי אַ וויג
הין און קריק
אין דעם נאַסן מאָרגנטוי.

פון מזרח־זייט
קומט אַ דינער שטראַל,
אַ גאָלדענער, מיט זוניקן געמיט.
אײַליק פאַרשווינדט די נאַכט
פאַר מײַן טאַטנס בלויע טריט.

תל־אביב, 18־טן אויגוסט 1978

מיין טאַטנס לעצטער בריוו

א

אין רוסישן אורוואַלד, אין ווייסן פּוכיקן שניי,
איז מיין כּאַטע פון רויע קלעצער געזונקען.
מיין טאָג איז געוועזן שוואַרץ, ווי ס'קלעפּיקע ברויט,
תמיד האָט שרעק אין מיין פענצטער געווונקען.

אין אומעטיקע ווינטערטעג, ווי קליינע שוואַרצע ראָבן,
איז דיין לעצטער אָטעמבריוו פון דער היים געקומען.
טאַטע, כ'האָב דיין בענקשאַפט, דיין צער אין האַרץ באַגראָבן,
נאָר דיין גורל אויפן בלוטיקן אינדזל — נישט באַנומען.

ב

דו שרייבסט: — „ווען איך וואָלט געקענט מיין בענקשאַפט איינשפּאַנען —
זי זאָל מיינע אַלטע פיס אַהינצו פירן,
וואָלט איך צו אייך, קינדער, אין וויטן לאַנד געגאַנגען
ביזן צפון-ים, ווו ס'באָדן זיך די ווייסע בערן.

די מאַמע מיט געשוואָלענע „גלעזערנע" פיס, ליגט שוין צו בעט;
עס האָט איר דער הונגער צוגעשמידט צום געלעגער.
איר איינציקע האָפענונג איז נאָך פּסח, ס'געבע גאָט —
צו אייך, ליבע קינדער, וועט זי „גיין" בלי נדר.

ג

—הערשל קרוין — האָט די מאַמע מיט געבעט באַפוילן —
פון הונגער, מיר דוכט זיך, איך גיי דעם לעצטן גאַנג.
זע, מיינע ביינער זאָלן אויפן געטאָמיסט נישט פוילן,
פאַרן לעבן — חוץ די קינדער — טוט מיר שוין נישט באַנג.

איך האָב אַלץ געטאָן, ווי די מאַמע האָט מיר געבעטן,
לעבן ווי היימלאָזער הונט האָב איך מער נישט געקענט.
ווי אַ קרעט געגראָבן די ליימיקע ערד, זי געקנעטן.
אַרום דער געטאָשטאָט האָבן די שכנים מיט שנאה געברענט.

פון מיין נאָרע, אויף אַלע „פיר", בין איך אַהיים געגאַנגען,
אויפן וועג מיינע סעדער די פאַרשנייטע, נישט דערקענט.
ס'דוכט זיך מיר — ערשט נעכטן דאָ מיין לעבן אָנגעפאַנגען,
דאָ מיט דער מאַמען אַ ליבע געפירט, ווי היינט איך געדענק.

*

ביים געטאָצוים, מיט הענט ווי צו תפילה אויפגעהויבן,
שטייט מיין טאַטע פאַרן כותל פון זיין חרוב געוואָרענעם הויז,
פלוצעם — אַן עכאָ דונערט אָפּ! — אַ בליץ פאַר די אויגן,
אויפן ווייסן שניי — מאָלט זיין בלוט אַ לעבעדיקע רויז...

מיין טאַטנס סאָד לעבט אין מיר

מיין טאַטנס סאָד
לעבט אין מיר און בלויט,
ווי אַ פלוימענבוים —
אין פרימאָרגנטוי.

מיין טאַטנס סאָד
לעבט, גאָלדיקט זיך אין מיר,
ווי אַ באַרנעבוים —
אין אַ הייסן תמוז־טאָג.

מיין טאַטנס סאָד
לעבט אין מיר און שיינט,
ווי אַ רויטער קאַרשנבוים —
אין אַ זוניק־העלן טאָג.

מיין טאַטנס סאָד
האָט מיך איינגעזאַפּט,
ווי דער מילכיק־ווייסער עפּלבוים
אַ ראָזע אָוונט־שקיעה.

מיין טאַטנס סאָד
לעב טאין מיר און קרעכצט,
ווי אין ווינט — אַ צעשפּאָלטענער בוים
אין שלאָפלאָזע נעכט.

מיין טאַטנס סאָד
לעבט אין מיר און וויינט
ווי אַ האַרבסטיקער רעגנטאָג —
פון בענקשאַפט נאָך דער זון.

תל־אביב, 11־טן יאַנואַר 1981

וואַרשע ערב...

דער איינציקער בוים אויפן הויף

אויף דעם איינציקן בוים פון מיין הויף
איז דער שניי שוין צעגאַנגען אין טרערן.
ס'האָט דער פרילינג פון פרייד זיך צעבליט
מיט קנאָספּעס, וואָס הלטן אין ווערן.

אין איינציקן שטיבל, ווו כ'וווין מיטן ווינט,
האָבן פון פייכקייט די ווענט זיך צעוויינט.
אין טונקעלן שטיבל האָבן די ווענט זיך —
אין פרילינג — מיט שימל צעגרינט.

פרי קומט אין מיין שטיבל דער ווינטער,
שפּעטזומער — שמייכלט אַריין דאָ די זון.

וואַרשע, 1930

מיין ערשט ליד אָפּגעדרוקט אין דער וואַרשעווער פאָלקסצייטונג,
אונטער דער רעדאַקציע פון מלך ראַוויטש.

אַבאָרטן

שוידערן אין קראַמפּן מאַמעס — נישט געוואָרענע,
שניידן שטאָלן, שערן עמבריאָנען,
קינדער נישט געבוירענע —
ווערענדיקע, נישט געוואָרענע.

לאָזט מען זיך צעאַקערן, וויערד, אַן אייגן לייב
לאָזט מען שענדן דעם גוף פון ווייב,
נישט צו האָבן מער צום טיש אַ נייעם גאַסט —
אַן אייגן קינד פון אייגן בלוט און פלייש — אַ לאַסט.

צעטרייסלט ווען אַ מאַמען דאָס אייגענע געוויין,
שוידערט אוי פּאַ מויל מיט ציטערנדיקע ציין,
טוליענדיק דעם קאָפּ אין קישן, דעם האַרטערן פון שטיין,
באַוויינענדיק דעם אייגענעם, דעם עלנטן געביין.

שוידערן אין קראַמפּן מאַמעס — נישט געוואָרענע
זוכנדיק פאַרצווייפלט מיט קאָנוולסיווע הענט
דאָס קינד, דאָס נישט געבוירענע,
דאָס ווערנדיקע — נישט געוואָרענע.

וואַרשע, 19־טן מאַי 1933

פלאַקאַטן

אויף מידע, פאַרשלאָפענע, קרימלעכע גאַסן,
צווישן טונקעלע קרייזן פון גאַזלאָמפּ דעם בלאַסן,
טוליען זיך פאַראיינזאַמט פלאַקאַטן צו מויערן,
דערציילן פון אַרבעטער־שטרייקן און בונטן פון פויערן.

עס בליִען פלאַקאַטן אין פיבער, ווי אויערן,
דערציילן פון בלוטיקן אומרו די פאַרחושכטע מויערן,
דערציילן, פאַרהוילן מיט שרעק פאַר די טויערן,
ווי ס'ציִען זיך נעצן פון „אויגן" וואָס לויערן.

עס ראַנגלען זיך פלאַקאַטן מיט בלוטיקע הענט,
און ווערן ווי לעבעדיק לייב געשונדן פון ווענט —
עס בלייבן אין אומעט די נאַקעטע מויערן,
ווען ס'פאַלן די קלעפּער אין נעץ פונעם לויערן.

עס שרייען די פלאַקאַטן־ווונדן מיט בלוט פון די ווענט,
זאָל ברודער מיט ברודער זיך געבן די הענט!
און טעג זאָלן קומען באַפרייטע פון פּיין,
באַהעלטע — ווי ס'לויכטן פלאַקאַטן מיט רויטלעכן שיין.

וואַרשע, 3־טן יאַנואַר 1934

כ׳האָב געזען אַן ערשטן מײַ

איך האָב געזען אַ צוג אין מײַ
אַ צעטראָטענעם דורך פערד.
פון ברידערס קעפּ געטריפט האָט בלוט,
ווי רעגן אויף דער ערד.

איך האָב געזען אַ צוג אין מײַ
צעשטאָכן דורך אַ שווערד.
געוואַלגערט האָבן מענטשן זיך,
ווי צווייגן אויף דער ערד.

איך האָב געזען, ווי הוילגעביילטע הענט
האָבן זיך פאַרעקשנט געווערט,
אַנטבלויזנדיק די שטייפע ברוסטן
דעם שלעגער און זיין שווערד.

איך האָב געזען אַ צוג אין מײַ
מיט פענער רויט-צעזוננגענע פון פלאַטער,
און ברידער שוין געאייניקטע מאַרשירן אין איין ריי —
מיט פּנימער צעשמייכלטע, ווי גרין צעבליטער מײַ.

איך האָב געזען אַ צוג אין מײַ
מיט פרייד צעשטראַלטן שלום.
געווען איז עס אַ וויזיע אַ פּאָעטישע,
אַ זוניקע — אַ חלום.

וואַרשע, 25־סטן אַפּריל 1934

אָדלערמענטש

ס׳האָט דער אָדלערמענטש
(פּראָפעסאָר פּיקאַר)
ווידער, העכער, טיפער
אַריינגעשיפט זיך אין די
זיבן בלויע הימלען —
אין קעניגרייך פון גאָט,
אַרויסצוכישופן —
פון דער אייביקער
נאַטור — אַ סוד.

האָבן זיך די עטער-כוואַליעס
צעפיבערט איבער פרייען פעלד,
מיט דער גרויסער בשורה:
דער אָדלערמענטש
פון אונדזער ערע —
שיפט זיך ווייט שוין
אין דער סטראַטאָספערע,
באַהערשט די בלויע-הימלען
פון דער גרינער וועלט.

אָדלערמענטש,
צי וועלן די ווייטע
סטראַטאָספערע הימלען
נישט האָגלען מיט שרויט,
מיט אַ הוראַגאַן-פייער,
און מיט טויט ? !

וואַרשע, 1934

הייל דיר, זיגער!

ס׳האָבן פייער־צונגען פון אויטאָ־דאַפעס
אויפגעדעקט פאַר דער וועלט,
און באַלויכטן דאָס פּרעכטע פּנים
פון די ברוינע האַקנקרייץ־תּלינים.

האָבן קראָען זיך ווי אַ פּעסט
צעטראָגן איבערן גלאָבוס פון דער וועלט,
טריפט בלוט פון אָפּגעשונדענעם געוויסן דורך זייער מויל
קראַקענדיק כאָראַל: הייל דיר, זיגער, פון טויט און גרויל.

הייל דיר, זיגער, אויף די חורבות פון דער פרייהייט,
וואָס האָט אַ מאָל פאַר אַרבעטס־מענטש געפינקלט בלאַס
און מידט,
ווו עס ליגן איצט צעטראָטן אין קייטן שוין פאַרשמידט —
פּראָלעטאַריער — פרייער מענטש — און ייִד.

הייל דיר, זיגער, ביי די קבֿרים —
פון די ברידער, די געפאַלענע אין שלאַכט,
זאַמל גסיסה־כאָרכלען פון צעפייניקטע, הייס פלעכטן דיר
אַ ליד —
אַ שוואַרצן לאָרבערקראַנץ צום רום פון דיין ברוינער מאַכט.

הייל דיר, זיגער, ביי די פלאַמען פון די שייטער־הויפנס!
נעם אַ שוואַרצע האַרפע אין דיין ברוינער האַנט,
און ווי דיין בעל־גאווהדיקער זיידע נעראָן —
באַזינג מיט שפּאָט דאָס ברענענדיקע לאַנד.

*

כאָטש שטיל איז געוואָרן דער קאַמף,
די „באַזיגטע” דערווייל, ווי די נאַכט, זענען שטום —
דאָך פליסן זיי און ברויזן ווי אונטערערדישע שטראָמען,
און מאַכן זיך פרייער דעם וועג צו דער זון.

וואַרשע, 1933

נאָכן בלוטיקן מבול

ליד צו געטאָ־העלדן

זאַמל, דיכטער, אויף מיין פֿאָלק: זיין פּיין, מאַמעס צער
קינדער־טרערן,
אומשולדיק בלוט פֿאַרגאָסנס, די העלדישקייט מיט
אָנגעגליטער שנאה.
פֿלעכט צונויף מיט קאַמף — אַ פֿרייהייט־ליד דערפֿון
וועט ווערן,
פֿאַר דורות ווייטע — אַ לויכטנדיקער שטראַל פֿון שכינה.

אַ שטראַל, וואָס גייט איין מאָל אויף מיט ליכט אין הימל
און וואַנדערט איבער רוימען בלויע אין אייביקייט אַוועק.
די קורצע, שוואַרצע נאַכט קאָן פֿאַרוועבן און פֿאַרשפּינען,
נאָר דער שטראַל לויכט ווייטער ערגעץ אין זיין וואַנדערוועג.

אונטער גרויען אַש ליגן אַלטע פֿעלקער לאַנג שוין
אויסגעברענט,
די געשיכטע־בלעטער זייערע שימלען אונטער שיכטן שטויב,
פֿון לעגענדאַרן, הויכן בבל־טורעם, זוכן פֿאָרשער עד היום
די ווענט,
בלויז נביאים־דיכטער־טורעם הייבט העכער זיך און לויכט!

צעקרישלט ליגן אים צופֿוסנס וויינענדיקע געטער,
ס׳בעטן רחמים פֿאַרזינדיקטע — פֿון אַלטן גריכנלאַנד און רוים.
ס׳וועלן אויף דיין וועג נאָך ליגן — דו וועסט אויף זיי טרעטן
אויף די הענקער דיינע, וואָס שטעלן וועלטדערלייזונג היינט
אַ צוים.

ס׳רעגנט אויף דער ערד מיט בלוט פון דיר, מיין אייביק פאָלק.
ווער אייביק זיין גערשאַנגל מיט דער חיה, מיט דער שוואַרצער
טומאה?
שוין גענוג מיט בלוט פון דיינע קינדער פאַר קיום אָפּגעצאָלט,
גענוג, ס׳זאָל לויכטן צו דער וועלט פון דיין מאַרטירער־קאָפּ —
די שכינה!

ווען חורבן־שטורעמס רייסן אונטער דיינע פיס די ערד —
צעפּאָלן הורבהדיק די ווענט פון שטאַרקסטן טורעם.
ווען פאַר פרייהייט פלעכסט דיין האַנט צונויף אויף שווערד—
ווערט האַרטער שטאָל דיין אָפּגעשוואַכטער אָרעם.

האַלט הויך, מיין פאָלק, ווי אַ פאָן, דיין אָנגעשטאָלטן אָרעם!
שלאָג טויט דעם שונא וואָס וויקלט זיך אין שוואַרצער טומאה!
מיין ליד צו געטאָ־העלדן זאָל לויכטן דיר פון דיכטער־טורעם,
זיין פאַר דורות אייביקע אַ קוואַל פון הייליקער נגינה.

זאַמל, דיכטער, אויף מיין פאָלק: זיין פּיין, מאַמעס צער
קינדער־טרערן,
אומשולדיק בלוט פאַרגאָסנס — די העלדישקייט מיט
אָנגעגליטער שנאה.
פלעכט צונויף מיט קאַמף — אַ פרייהייט־ליד דערפון ווערט
ווערן,
פאַר דורות ווייטע — אַ לויכטנדיקער שטראַל פון שכינה.

וואַרשע, מערץ 1948

נעבן אויסגעברענטן געטאָ־מויער

ווייקלען אויף זיך ווי יריעות, געטאָגאַסן,
סודותדיק דערציילן דאָ די שטיינער:
רעגן קאָן דאָ נישט דאָס בלוט אָפּוואַשן,
שטורעמווינט — פאַרטויבן די געוויינען.

אומרו שפּאַנט אַרום אויף געטאָגאַסן
איבער קברים האָבן רעדער זיך צעקלונגען.
ס'טרומייטערן סיגנאַלן — קאָנטרעבאַסן.
שטיל — האָט גרינס אַ גאַמע פרייד זי דאָ צעזונגען.

אין שכנות גלאָצן שטומע קוימענס שוואַרצע,
זיי קוקן טרויעריק צום בלויען הימל,
ווי זיי וואָלטן שעמען זיך פאַר חרפּה —
קעגן לעבן, וואָס גייט דאָ אויף מיט טומל.

קלאָגן חורבות אויסגעקרימטע ווי זקנות,
וואָס שטאַרבן איינזאַם ביי אַ פרעמדן טויער.
— ווידער גייט דאָ לעבן אויף אין שכנות —
נעבן אויסגעברענטן חורבה־מויער.

ווי יריעות ווייקלען אויף זיך געטאָגאַסן,
סודותדיק דערציילן דאָ די שטיינער:
— רעגן וועט דאָ נישט דאָס בלוט אָפּוואַשן,
שטורעם־ווינט — פאַרטויבן די געוויינען.

וואַרשע, 1951

מיין פרייד, וואָס האָט מיך דאָ פֿאַרלאָזן

כ׳האָב אַ לעבנס-ציטער דאָ פֿאַרלוירן,
ווי ס׳באַוועגן האַסטיק, זיך טראַמווייען.
געהערט די קינדער וואָרקען ווי די טויבן,
ליבע מיידלרייד מיר אָנפֿאַרטרויען.

דאָ געראַנגלט האָט מיין יוגנט זיך מיט טרוימען
וועגן גרויסן מאָרגנרויט באַגינען.
אין שוואַרצע נעכט געזען די בלויע רוימען,
וואָס אין האַרצן איך האָב אָפּגעפֿונען.

וואַקסן אוים אויף חורבות נייע גאַסן.
די פֿרייד דעם אומעט שוין פֿאַרטריבן?
זאָל מיין צער מיט בויער זיך פֿאַרקנסן
דורכן ליד, וואָס איך האָב אויפֿגעשריבן.

ווי פֿון גרינע פֿרילינגגראָזן,
שפּראָצט די פֿרייד פֿון נייעם לעבן.
די פֿרייד, וואָס איך האָב דאָ פֿאַרלאָזן —
וואַרשע, כ׳וויל דו זאָלסט אַ תיקון געבן.

וואַרשע, 16־טן פֿעברואַר 1949

אַ פייער־רעגן איבער וואַרשע

וואַרשע 1939

שטעפּן „מעסערשמידטן" בלויען זומער-חלל,
„ווייסע פייגל" הילן זיך אין שוואַרצע וואָלקנס.
פון הימלען טיפע רעגנט מיט צעגליטן טויט —
גאַסן ווערן דורך האָגל בליי צעשפּאָלטן.

כ'האָב געזען: אויף וואַרשעס צעריסענע הימלען
באַוועגן זיך קאָלירטע פּאַלעס מיט פייער.
געזען: הייזערבלאָקן, גאַנצע גאַסן ברענען,
ווי שטרוי אויפן דאַך פון אַ דאָרפישן שייער.

אויסגעפלאַמט, צעפּאַלן זיך ווי אַ וואָלקן אַש,
איז וואַרשעס גוף אין שרפות אויסגעגאַנגען.
מענטשנבלוט, ווי וואַסער, רינט אין די קאַנאַלן,
איר העלדישקייט גייט אויף אין טרויער-געזאַנגען.

עס האָבן פייער-צונגען אָפּגעברענט מיין היים.
ס'האָט פוילן דאַן אין היטלערס פייערדרייף געברענט.
אַרום האָט טויט מיט עלנט זיך געקושט, געהאַלדזט,
געגעבן איבער חורבות זיך די שוואַרצע הענט.

וואַרשע ברענט, ס'ברענט די האָפענונג פון מיין דור.
צוזאַמען מיט דער האָפענונג — ברענט זיך אויס מיין היים.
די אָפּגעברענטע פליגל פון מיין יוגנט-טרוים
ליגן פאַר מיין חורבה-הויז, עלנט ווי אַ שטיין.

ס'טראָגט פון אַש אַ טרויער־קראַנץ — סירענעס קאָפּ
נאָך וואַרשע, ווו געברענט עס האָט מלחמה־פייער.
שאָפּענס טרויערמאַרש — שפּילט אויף טויטע־גאַסן,
באַגלייט די לעבנס, וואָס זענען ליב געווען און טייער!

וואַרשע, אויגוסט 1949

האַרבסט אין פּוילן

אין וואַרשע וויינט פון אומעט היינט דער ווינט אין האַרבסט,
ס'דרייען רעדער זיך אויף געטאָגאַסן מיט טעמפּן געוויש.
די זון האָט אַ בוידעם-שטיבל בלוטיק אָפּגעפאַרבט
און טרויעריק פאַרגאַנגען אין אַ חורבה-הויז.

אין קראַשינסקים גאָרטן שטייען ביימער אָדם-נאַקעט,
צופּיסן וועלקט און געלט דאָס גרינע גראָז.
דער ווינט האָט די קוסטעס וויסט צעאַקערט
און מיט אַווילדן פייף פאַרשייט אין גאַס אַרויס.

אַ בויער קוקט מיט צער, ווי ס'פאַרגייט די זון
דורך שיטער-געפלאָכטענע קראָקוועס פון דאַך,
ווי דער בייזער ווינט צערייסט די בויער-פאָן,
וואַרפט אַראָפּ די זעג — מיט דעם קראַנץ פון סכך.

פון זילבער-ווייסל — שוימט זיך געל דער זומער אויס,
ס'הילט דער טייך זיך טרויעריק איין אין שוואַרצנבלוי
אַ בלעכער פאַרשליסט דעם דאַך פון אַ חורבה ייִדיש הויז,
דער רעגן זאָל עס נישט באַוויינען, נישט באַקלאָגן מער אַזוי!

היינט איז האַרבסט — אין פּוילן גילדן זיך די טעג,
די פענער פון לאַנד פלאַטערן אויף הייזער רויט.
די ווינטער-תבואה שפּראָצט שוין גרין אין פעלד,
בלויז מיין ייִדיש פאָלק פון געטאָ-פּוילן איז אויף אייביק טויט!

וואַרשע, אָקטאָבער 1949

מיך פירט מיין אומרו

א

ס'פירט מיך מיין אומרו אויף פאַרוויסטע מקומות,
כ'קלייב פון דער ערד פאַרגעלטע, הייליקע שמות.
כ'זע קברים צעאַקערטע... וואָס זוכט מען נאָך דאָ?
פאַר וואָס רויבט מען פון קדושים די אייביקע רו?

שטייט פאַר אַ חורבה־הויז אַ קלאַפּטער האַלבע ציגל,
מיר דוכט זיך פון וויטנס: עס שטייט אַ קנידערוויגל,
וואָס ווערט אַליין — אָן מאַמעס הענט — געוויגט פון ווינט.
פון קעלער, דעם פאַרשאָטענעם, וויינט פאַרשטיקט אַ קינד.

ב

בית־עלמינס זענען היינט נענטער מיר געוואָרן,
ווי ס'וואָלט מיין מאַמע אויף אַ בית־עולם מיך געבוירן.
מצבה־שטיינער דערציילן מיר שטילערהייט מסורות
פון אַ וויטן עבר פון אַ גאָלדענער קייט מיט דורות.

פון אַ לייוווניק, וואָס האָט געלעבט ווי אַ ניסתר,
פון געטאָהעלדן, באַגראָבענע אין דער פינצטער.
פון קברים פאַר פרייהייט־קעמפער — אונטערן מויער
באַגראָבן אין שוואַרצע נעכט, מיט שטערן־געזאַנג פון טרויער.

זיי דערציילן פון בעלי־מופתים, וואָס האָבן סגולות צום לעבן,
פון קינדער געטרייע, וואָס האָבן ס'נפש אָפּגעגעבן
פאַרן פאָלק! בית־עלמינס וועלן אַלץ אַ מאָל דערציילן:
פון יאָרן — פאַרגאַנגענע אין אין־סוף מיריאַדן מיילן.

וואַרשע, נאָוועמבער 1947

ביים געטאָ־דענקמאָל

א

אין האַרץ פון וואַרשעווער געטאָ
שטייט אַ דענקמאָל פון בראָנדז און שטיין.
אַרום, אונטער אַשיקע חורבות —
שטומע קברים מיט ייִדיש געביין.

מיט רויטע פייערצונגען,
דער געטאָ־דענקמאָל ברענט.
צעפלאַמטע מיילער רופן צו די ייִדן:
אין יעדן דייטש נקמה נעמט!

דער זייגער קלינגט אין געטאָ צוועלף,
ס׳גליִען ייִדן אויס מיט געזאַנג און ווידוי
די לעצטע, די צוועלפטע שעה —
די שעה פון אומקום און מרידה.

ב

אויף ברענענדיקע געטאָווענט —
אַ מאַמע מיט איר איינציק קינד.
זי הייבט דאָס קינד אַלץ העכער,
העכער, ווייטער פון די פלאַמען.

פלעכטן אויפן קינדער־קעפּל
זונענשטראַל מיט ווינט
אַ קראַנץ פון העלדישקייט,
דער שטאַרבנדיקער מאַמען.

ג

מיין פאָלק, מעגסט זיין שטאָלץ
פאַר אַלע יידן־דורות,
וואָס זענען מיט ציטער פאַרן לעבן
שטיל אַוועק דעם לעצטן גאַנג.

פאַר די אויסגעברענטע —
מיטן אַש פון ספרי־תורות.
פאַר די, וואָס האָבן זיך געראַנגלט
העלדיש, געפאַלן מיט געזאַנג.

ד

ווי הינט וואָיען ווינטן היינט אין געטאָ.
ס׳האָבן יידן פאַרן אומקום זיי פאַרשאָלטן ?
מנורות צוויי — מיט הייליקן ציטער —
זאָגן קדיש מיט וויינענדיקע וואָלקנס.

וואַרשע, אפריל 1948

יזכור

כ'האָב געהערט גאָט וויינען

דעם אָנדענק פון מיין טאַטע־מאַמע:
הירש און גיטל
געהייליקט.

איך האָב אַ מאָל געהערט אַליין
אין מעטאַלענעם קלאַנג פון אַ רעגן,
ווי גאָט האָט פון צער געוויינט.

ווי קאָן דער אַלמעכטיקער גאָט —
דער איינציקער האַר פון די וועלטן —
ווי אַ מענטש פון צער זיך צעוויינען?

דאָס האָב איך געהערט זיך אַליין —
איך, דער צלם אלוקים, מענטש און ייִד,
איצט, נישט מער, ווי זיין שאָטן אין געוויין,

וואָס גייט אין מיידאַנעק — מיט שרעק אין די טריט —
און טרעט אויף דער מאָזאַיִק
פון צעקרישלטן יידן־געביין.

אָ, ווען גאָט וויינט — מען זאָל ווערן באַהיט! —
פאַלן טרערן־טראָפּנס פון צער,
ווי שטיינער אויף מענטשנס געמיט.

תל־אביב, 28סטן מערץ 1978

דער לעצטער עכאָ

מיין היימשטאָט באָווידוואָר געהיילקט

(פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע)

מיט יידיש לשון האָט געלעבט, געלאַכט אַ מאָל מיין היים,
אויף יידיש וועגן ליבע האָט מיין שוועסטער געזונגען.
טייל מאָל אויפן גורל פון „דריי גיטאַרינס" געוויינט,
מיט זייער בענקשאַפט און האָפענונג אין גאַרבן געבונדן.

מיין שטעטל האָט געלעבט, געלאַכט אויף יידיש, ווי מיין היים.
די צעהויקערטע גאַס האָט זיך קיין מאָל נישט געחידושט,
ווען אַ ווייטע ווינטערנאַכט האָט געוויינט פון קעלט אַליין,
ווען מיין שכנס גויש קינד האָט גערעדט פון שלאָף יידיש.

אין גאַס האָבן הענדלער וועגן האַנדל אויף יידיש געפּלוישט.
די ווייבער מיט דינסטן יידיש-פּויליש געגאָדערט אין מאַרק,
און הייזעריק, ווי דער וואַסערפּלומפּ ביים פּלומפּן גערוישט,
צוגעקרעכצט, ווי די פּרעמישלעס אויפן וואַסער-טרעגערס קאַרק.

אויף יידיש האָט דער שבת-גוי שטיל געבעטן ביי אייך
מיט לעכצנדיקע ציין אַ חלה-מוציא פונעם טיש.
יידיש-טייטש האָבן פישער מיט סוחרים גערעדט ביים טייך,
תמיד יידישלעך געקלאָגט זיך אויפן קאַרגן פאַנג פון פיש.

ווען זיין שקאַפּע חלומט זיך האָבער — ער ווייזט איר אין סידור
אַ היי אונדזער „בראָנפּעלע״, דער שטעטלדיקער בעל־עגלה:
„זאַ אַ שטיקל מענטש, מאַן פערד! כ׳רעד צו דיר ווי צו אַ ברידער!״
און בייטשט דעם פערדס געוויסן מיט אַ יידישלעכער קללה.

אין אומעטיקן חדר ליכט־אויף יידיש חומש־געזאַנג.
מיר דוכט זיך תנ״כישע וויזיע געטייטשט אויף לשון־קודש,
וואָס „שפּיצקע מלמד״ האָט געניגונט מיט נאָגנדיקן באַנג,
קאָנסטו אַ טעות אָפּמעקן, וואָס האָט אין בלוט די יסודות?

הריגה־שליאַך

הריגה־שליאַך, קדושה־טריט פירן מיך צום ריינעם פעלד.
כ׳זע ביינער, וואָס קומען פון קברים אַפויער.
ווי קאָן איך דאָ בויען מיין היים — מיין יתום־געצעלט,
אין דעם אומענדלעכן מדבר פון ייִדישן טרויער.

מתים וואַרטן אויפן משיח — האָבן נישט קיין רו.
אויף מצבות־טראָטוארן צעטרעט מע זייער שלאָף.
צווישן טויט און לעבן וואַרט האָפענונג אויף גאולה־שעה.
מיין היים — אָן אויסגעלאָשן ליכט, חשכות פון אין־סוף.

כ׳בלאָנדזשע — אַ שאָטן — פאַרביי מיין טאַטנס סעדער.
האָט אַנטעק ווענן ייִדן געטאָ־העלדן מיר דערציילט.
ביי נאַכט לויכט די לבנה איבער זייערע ביינער אין טאָלן.
ס׳„מעשהלע” פון גוי האָט מיך געשראָקן, זיין ייִדיש —
פאַרווילט...

געזעגענונג

שמולעק? אַנטעק דערקענט מיך, ווי יוסף די ברידער,
מיר גייען דורך פאַרברענטן געטאָ צום הריגה־שליאַך.
טויט ליגן די געטאָ־העלדן אין פאַרבלוטיקטע גריבער.
מיינע פיס זינקען אין אַש — דאָס האַרץ אין אַ פינצטערער
נאַכט.

איז איין ייִד אין שטעטל געבליבן — אַ זכר לחורבן.
רעדט ער צו מיר גוייִש — שוין גאָר נישט קיין חידוש...
אַנטעקס רוף: זאַ גיזינט". „גרים אַלעם"! — לויפט מיר
נאָך אין באַן,
ס'קלינגט אין מיר דער לעצטער עכאָ פון זיין פויליש־ייִדיש.

נאַווידוואָר, זומער 1950 — תל־אביב, ווינטער 1960.

צום אָנדענק פון מיין
פאַרשטאָרבענעם פריינד מענדל פרידמאַן

☆

ווי אַ נייער עולה — דאָס לאַנד מיט פרייד אַרונגענומען,
דאָס ברוינע, הייסע פּנים מיט ליבשאַפט געקושט.
דו האָסט נישט געטרונקען דאָ פון די זיסע קוואַלן,
דאָס האַרץ מיט נייער היים צו פאַרקנסטן תמיד געגלוסט.

דיין אַרבעט — אַלץ וואָס רינגלט דיך אַרום — האָסטו צעליבט;
אויף דעם דינעם ניגון, ווי אַ טייכל וואָלט געפליסט.
האָסט געניִיט, געשאַפן אַרבעט — אַ קונסט אין דיינע הענט —
דיין האַרץ זינגט אַ פרייד־סימפאָניע צווישן ענגע ווענט.

שוואַרצער ווי די נאַכט זענען דיינע לעצטע טריט.
ווי אַ טיפער אָפּגרונט איז דער צער אין דיין געמיט.
אַ כוואַליע לעצטער ווייטיק, וואָס צאַפּלט אין דיין ברוסט,
צעשפּאַרט דיין גוף — דער טויט פאַרגייט זיך אין אַ הוסט.

☆

ווי דיין יוגנט, האָסטו פון פרייהייט געזונגען געזאַנגען,
אַ גלויביקער אַ לעבן־לאַנג זיי ריטמיש נאָכגעגאַנגען
דורך דער דזשונגל־וועלט — אַ דערשעפּטער באַרג־אַרויף,
דורשטיק נאָך לעבן, געפאַלן ביי די קוואַלן צום סוף.

20סטן נאָוועמבער 1971
תל־אביב, 20סטן אָקטאָבער —

צו שפּעט

צום אָנדענק פון יוסף בן־עמי (פּאָגעל)

עס האָט מיין טרייסט אין די קליינע שעהען
נישט געהאָלפן דיר,
וואָס קאָן שוין העלפן איצט מיין ליד?
אַז דיין טיר טיר איז שטייף פאַרשלאָסן
און קיין שליסל איז נישטאָ!

העלפן? אפשר העלפן די וואָס ווערן
פאַר דער צייט פון לעבן מיד.
די וואָס גייען איינזאַם אויף וועגן,
מיט צווייפלען, ווי שטיינער אין האַרץ,
מיט שווערע, בלייענע טריט.

דאָס לעבן שמייכלט נישט צו עלנטע,
וואָס טראָגן שוואַרצע שאָטנס אין געמיט —
פון „אָפּגענאַרטע טרוימען”.

עס האָט מיין טרייסט אין די קליינע שעהען
נישט געהאָלפן דיר.
וואָס קאָן שוין העלפן איצט מיין ליד?

תל־אביב, אויגוסט 1980

צום טויט פון חבר בענצל

א

דער יוגנט־חלום, וואָס דו האָסט באַגערט —
ווי נישט דערגרייכטער שטערן —
רום אַ מידער אויף שפּיציקע בערג.

פון דיין דורס גלייִיקע הענט
זעגנען זיך אין פייערן צעפאַלן
הונדערטיאָריקע צאַרישע ווענט...

היינט נעמסטו מיט שטילן צער אַרום
דיוועלט, וואָס פיבערט, ראַנגלט זיך אין ווערן.
אין אומרויִקן חלל זוכט זי אַ תיקון.

ב

פון שריפות, פון אַשיקע חורבות — אַ היים,
נעמסט אויף ווי אַ טאַטע די עלנטע פריינד,
גרייט צו באַשיצן מיט וואַרעמע הענט,

אויף ס'ניי זיי פאַרבונדן אין בונד מיטן לעבן.
דיין שמייכל געוועקט האָט דעם גלויבן אין מענטש.
מיט ליבשאַפט געלערנט זיי טרוימען און שטרעבן.

מיט פריינד געטיילט דיין טיש מיט ברויט,
(וואָס דו האָסט אַ לעבן פּאָר מענטשן געבאַקן),
זייער עול מיט הייליקייט געטראָגן —
צוזאַמען מיט דער פּיין פון נויט.

ג

צו פיר ווענט, האָט דער גורל דיין גוף צוגעשמידט,
בלויז דיין גייסט האָט געטרוימט וועגן לעבן —
מיט וועלכן געקעמפט ס'האָט דיין בונטאַריש געמיט.

צאַרטע טריישאַפט געהיטן דיין בעט טאָג און נאַכט,
איטקעם האַרץ, ווי אַ זייגער געטיקעט,
מיט איר אָטעם דיין לעבן באַוואַכט.

נאָר, ס'האָט דיין האַרץ נישט פאַרגעפילט,
דיין קלאָרער געדאַנק נישט פאַרדאַכט:
ווען טאָג פאַרגייט אין פאַרבנשפּיל —
געפלאַטערט האָט אין שויב די נאַכט,

תל־אביב, 1962

אונדזער יִדיש־גאָרטן

צום אָנדענק פון יהודה קערש

ווי אַ לערער, האָסטו אונדזער יִדיש־גאָרטן
אָפּגעהיטן אין אַלע שווערע צייטן.
אויסגעטיילט די קראַפּעווע פון דאָרטן.
עס זאָלן בלומען בליִען אין ריינע בייטן.

דאָ, האָבן פריינד געוואַרט אויף דיר
מיט נייע פלענער פאַר דיין קומען.
אָפּן געשטאַנען איז אין גאָרטן אַ טיר —
מיט נייע בייטן פאַר דיינע בלומען.

אויף דיין קוואַליק־קלאָרן וואָרט געוואַרט —
אין אַלע פאַרבענקטע, שווערע צייטן.
פּלוצעם, צום אָפּעראַציע־טיש דער גורל
פירט אַוועק דיך — דאָס לעבן אויסצובייטן!

דיין לעצטער בוך — ליגט נישט געעפנט,
זיינע בלעטער טוליען זיך אין טרויער.
דער יִדיש־גאָרטן שווייגט אין טיפן צער,
אַן אָבל־קראַנץ טונקלט אויף זיין טויער.

תל־אביב, 30סטן סעפּטעמבער 1930

☆ ☆ ☆

אין אַ שלוּהדיקער שעה

מיין הערשעלען

שלום דיר, וועלט! מייַיקע, צעגרינטע,
דאָרט, ווו מענטשן טרוימען אויס אַ ביסל רו,
און געטאָ-חורבות, ביינער אויסגעבר־ענטע,
בענקען שטיל נאָך שלווהדיקער שעה.

זע, וועלט! וואַרשע איז יום-טובדיק באַצירט,
זי טראָגט אַ פרילינג-שמייכל דיר אַנטקעגן.
שאָפּען שפּילט אויפן רעסטאַווירטן קלאַוויר —
זיינע נייע פרייהייט-פּאָלאָנעזן.

מיצקעוויטש איז אַראָפּ פון פּיעדעסטאַל —
צום בוידעם-שטיבל טראָגן זיינע לידער.
סלאָוואַצקים גלאָריע אויפן זינגער-פעסטיוואַל,
שפּרייזט מיט געזאַנג, יאָרהונדערטער אַריבער.

מיין קינד, דו וואָס שפּילסט זיך אינעם וויגל
מיט אַ זונענשטראַל, ווי אַ קעצל אויפן הויף,
דו, וועמען ס׳לעבן טראָגט אויף ווייסע פליגל —
טרוים אין דעם וויטן אומבאַקאַנטן לויף...

נעם שמייכלדיק אַרום די שיינע וועלט.
גיב איר אַ קוש אין שטערן דעם צעבליטן,
זאָל אויפגיין פון דיין קוש זון אין פעלד,
מענטש דעם מענטש געדענקען זאָל צום גוטן.

וואַרשע, מיי 1940

יוגנט־לידער

1

איך בין געווען אַליין אין גאָרטן
געהליט מיט שאָטן ווידער בוים.
אויסגעהאָנגען האָב איך דאָרטן
מיין אויסגעטרוימטן ליבעטרוים.

וואָלט לבנה דאָ געווען,
געלויכטן מיט עלעקטרע־שײַן.
כ׳וואָלט דיין לעצטן בריוו געלעזן —
ביזן מאָרגנרויט אַריין.

אויסגעגלעט מיט פינגער־שורות,
איינגעזאַפּט אין זיך געזאַנג.
דיין יעדעס וואָרט, ווי שיר־השירים —
גייט צו אייביקייט זיין גאַנג.

כ׳זינג פון צער, ווי אַקאַשטאַנבוים,
וואָס דער פרילינג יעדן מיי —
גייט פאַרביי אים, ווי אַ טרוים,
קומט דער האַרבסט צו אים מיט וויי.

2

ס׳איז היינט מיי אויף אַלע גאַסן,
ס׳האַלטן ביימער קעפּלעך הויך.
באַרג און טאָל מיט גרין פאַרגאָסן,
גרין איז אויך דער קוימענרויך.

שוועבן יוגנט-טרוימען, שוועבן,
צו דער זון אין בלויען רוים.
יוגנט גייט דורך גרינע וועגן —
גלייך אַהין צום בלויען טרוים.

שווידניץ, מיי 1947

אַ בריוו צו חבר קים

איך געדענק דיך גוט, חבר קים.
מיט שטומער בענקשאַפט ביסט געזעסן אויף אַן אָרט,
געוויגט זיך שטיל, ווי אַ בלאַט אויפן ווינט.
דו האָסט פריינדלעך געשאָקלט דעם שוואַרצן קאָפּ
און געשמייכלט מילד צו מיר
דורך שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך, ווי אַ קינד.

אין מלחמה נע־ונד
האָסטו געטיילט מיט מיר דיין קישן, די אָרבעל
דעם לעצטן ביסן ברויט.
כ׳געדענק ווי דו האָסט געגלעט דאָס קעפּל
פון מיין פאַריתומט קינד,
געשפּילט זיך מיט די האָר.
באַוואונדערט אירע בלויע אויגן,
(ווי אַ פערגאַנער פרימאָרגן)
—אַזאַ שיינינקע ביי דיר, סאַמויִל!

שפּעטער האָבן מיר געחלומט
אין דער זוניקער פערגאַנאַ
וועגן באַפרייען אונדזערע היימען.
נקמה האָט זיך געצונדן אין געמיט.
געדענקסט, בלויז אונדזערע אויגן —
די פאַרליבטע אין לעבן —
האָבן געטראָגן אין זיך די ליכטיקייט
פון נאָענטע שטערן.
אונדזערע הערצער —
די בענקשאַפט נאָך שלום אויף דער ערד.

היינט איז דאָ ביי אונדז די פרייד פון שלום גרויס,
ווי די פרייד פון לאַכנדיקע קינדער;
די פרייד פון בויען נייע היימען — שטאַרק,
ווי די שאַפונגפרייד פון דיכטער.

און ווידער ברענט דיין טאַטנס הויז, חבר קים! —
איך זע, דיין פרייהייט איינגעהילט אין רויך.

איך געדענק דיר גוט, חבר קים.
כ׳ווייס דו ביסט אַ שווייגער.
דו קאָנסט ווי אַ שטיין זיצן אויף אַן אָרט און שווייגן.
קאָנסט אויך, ווי אַ שטיין, שפּאַלטן קעפּ —
פון די, וואָס זענען דיך באַפאַלן.

חבר קים!
עס שיקט פון פריינדשאַפט דיר
אַ שלום־גרוס
דיין סאַמויל.

וואַרשע, יולי 1950

די גאָלדענע פּאַווע

אַ מאָל, איז די גאָלדענע פּאַווע
געפֿלויגן אין הימלען זיך פֿריי,
ווי אין פּאָעטישן טרוים.
היינט חלומט זי אין פֿייגל־מוזיי
אויפֿן קרומען צווייגל פֿון אַ בוים.

עס קוקט היינט די גאָלדענע פּאַווע
(אויפֿן דאַרן צווייגל פֿונעם בוים)
צו מענטשן — מיט אויגן טשעקאַווע.
פֿון שרעק ציטערט ביי איר
אויפֿן קאָפּ די גאָלדענע קרוין.

עס לויכט ביי איר פֿון גאָלד דער קאָפּ,
די ברייטע פֿליגל, די בלויע,
צעשפּרייט, ווי מענטשלעכע הענט.
פֿון איר געמיט שיינט דער אומעט אַראָפּ
און רינט אוים צווישן גרויע ווענט.

עס לאַכט אַ מאָל אויך פֿון פֿרייד,
די געפֿאַנגענע גאָלדענע פּאַווע
צום קאָלירטן פֿעדערפֿלים.
צעוויינט זיך מיט מענטשלעכע טרערן,
ווען זי זעט אירע שוואַרצלעכע פֿים.

פּוילן, נידער־שלעזיע, טשעפּליצער פֿייגל־מוזיי, — 21טן דעצעמבער 1949
וואַרשע, 1טן יאַנואַר 1950

אײן מאָל

רויזן צוויי

איך האָב היינט רויזן צוויי,
אַ מתנה דיר געשיקט:
אַ ווייסע איינע,
אַ זוניקע, אַ ריינע.

די צווייטע פאַר דיר —
אַ געפינטלטע רויז:
צוויי סימבאָלן —
דיינע בלויז!

די ערשטע רויז, די ווייסע,
פון ליבשאַפט,
ווי קינדער־ליבע ריינע,
ווי די זון פון תמוז אַ הייסע.

די צווייטע — ווייסערויז —
די, וואָס באַפלעקט איז:
מיט שאָטנס פון דיין לעבן,
מיטן לעצטן סוד פון דיין הויז.

אויף דיין קרישטאָלענעם שפּיגל
שטעל אַוועק די רויזן צוויי, די שיינע,
זיי זאָלן דיין פאַרשעמטן פּנים,
דאָס לעצטע מאָל — באַשיינען.

תל־אביב, 16טן מערץ 1965

ליבעשפּיל

אין אָוונט שטילן טונקל־בלוי,
אין שטוב האָט זי צום טיש געגרייט:
אַ טישטעכל אַ ווייסן אויפן טיש,
ווי איר מאַמע פאַרן טאַטן, האָט זי צעשפּרייט,
אויפגעשטעלט אַ פלאַש מיט וויין, חלה און פיש.

און וואָס ווייטער? היינט
מעג איך יאָ אויסזאָגן:
זיי האָבן זיך געצערטלט און געהאַלדזט,
ביז די ראָזע שפּיצן פון פאַרטאָגן.

אין עקסטאַז האָט ער לאַנג,
לאַנג, זיך צו איר געצויגן,
ווי אַ פליגעלע צום ברענענדיקן לאָמפּ.
„כ׳האָב אַזוי ווי אַ קינד געבענקט נאָך דיר,
געבענקט, ווי אַ טרוקן פעלד נאָך רעגן.״

ער האָט איר פּנים
איינגעזאַפּט אין זיינע אויגן,
ווי אַ שמעטערלניג —
פאַרבלענדט פון צו פיל זון,
איז ער בלינדערהייט צו איר געפלויגן.

זיי האָבן זיך געראַנגלט...
אין פאַרנעפּלטע שעהען,

האָט ער, ווי אַ גנבֿ, שטיל
דעם לאָדן אַראָפּגעלאָזט
האָט זי אים צוריק אויפגעהויבן.
זיי האָבן מיט פרייד ביידע געשפּילט
דעם שיינעם, צאַרטן ליבעשפּיל.

תל־אביב, 11טן נאָוועמבער 1972

איין מאָל

איין מאָל — אַ מאָל,
געקומען צו מיר
איז אַ פרוי
אין שוואַרצע וואַלן,
איר פּנים אין גרוי
האָט טרויער געמאָלן,
און שטיל, שטיל,
ווי די נאַכט אַזוי,
ווי אַ חלום אין בלוי —
געפרעגט:
— ווייסט וואָס איך וויל?

איך בין עלנט אַצינד,
ווי אַ יתומדיק קינד
זיי אַ קרוב מיר,
זיי אַ פריינד,
הייל פון האַרצן מיין וווּנד
נאָכן בלוטיקן שטורעם.
כ'האָב בלויז איין געפיל,
איינאיינציקן פאַרלאַנג:
געבן דיר, ליבסטער, מיין אָרעם —
צו קושן מיין האַנט.

☆

די נאַכט פון חלום
איז לאַנג שוין פאַרביי.
איך זוך נאָך
דעם חלום אין בלוי.

רמת־גן, 3טן יולי 1959

טרי־לי, טרי־לי

ווי אַ פֿויגל אין שטייג, אין דערוואַרטונג,
איך חלום דיין קומען צוריק.
ווי אַ פֿידל די בענקשאַפֿט
צעשפּילט זיך אין מיר:
טרי־לי, טרי־לי, טריל איך מיין ליד.

איך חלום דעם טאָג — פֿון דער טרעפֿונג,
די שעה פֿון דיין קומען צוריק.
ס'דרימלט אין מיר שוין דער ניגון,
צו זינגען פֿאַר דיר אין מיין ליד.
טרי־לי, טרי־לי, לי־לי...

תל־אביב, 16־טן מערץ 1973

זומער־בלומען

(דערמאָנונג)

בלויז איין מאָל
אַן אָוונט ביסטו געקומען.
דעמאָלט
האָב זדי לאָמפּן פון מיין שטוב
געלויכטן, ווי זונען.

בלויז איין מאָל,
ביסטו אין מיין איינזאַמקייט
געקומען
און אויף אייביק
אין אייביקייט אַנטרונען.

בלויז איינמאָל
ביסטו צו מיין פריינדשאַפט
געקומען —
אויף מיינע ליפּן געלאָזט
דעם טעם פון זומער־בלומען.

תל־אביב, 18טן פעברואַר 1978

ליבע און שנאה

פון מיין שטערן
איז ליבע דער סימן.
מיר דוכט זיך —
פון שנאה — איז דיינער.
זיי קוואַלן פון זעלבן מעיין,
ווי פון טרויבן
די זיסע און זויערע וויינען.

ליבע און שנאה,
ווי ריטשקעלעך בלוט,
מיט לעבנסקראַפט זיי קוואַלן
אין די שפּאַלטן פון האַרץ,
ווי געהיימע וואַסערפאַלן.

פון מיין שטערן,
איז ליבע דער סימן.
מיר דוכט זיך —
פון שנאה — איז דיינער
זיי קוואַלן פון זעלבן מעיין,
ווי פון טרויבן
די זיסע און זויערע וויינען.

תל־אביב, 14טן יוני 1959

מיין לעצטער האָפן

ביים קבר פון שמואל הנביא

ירושלים, אין שכנות פון סנהדרין־קברים,
אויף אַ שטילן, בלויען באַרג — ביים גרענעצראַנד
איז דיין קבר, נביא שמואל, דאָרט פאַראַן,
דיין גייסט לעבט אין די תנ״כישע ספרים.

דיין קבר נביא, איז אונטער ירדנס צאַמען, (*)
דיין גייסט שוועבט פריי אַרום, לעבט אין פאָלק,
אין יעדן מענטש וואָס האָט דיין אמת־פּאַסיע האָלט,
דיין גערעַנגל — מיט די הערשער אויף די טראָנען!

דורך דורות, נביא שמואל, טראָג איך שטאָלץ דיין נאָמען
מיט אַ מיריאַדן־ניצוץ פון דיין נבואה —
דורך די שייטער הויפנס, קרעמאַטאָריע־קוימענס,

קום איך צו דיין קבר — מיט אַ שטילן ציטער,
און צו דיר, ירושלים — האַרץ פון נביאים־לאַנד,
וועל איך עולה זיין מיט געזאַנג פון תבואה שניטער.

ירושלים, דעם 9טן סעפּטעמבער 1952

* דער קבר אין „נעבי סאַמועל״ איז ביז יוני 1967 געווען אונטער ירדנס הערשאַפט.

כ׳האָב ליב ווען מען בויט

כ׳האָב ליב ווען מען בויט —
ווען מוראַשקעס שלעפּן
צוזאַמען די שטרוי,
ווען בינען פאַרקלעפּן,
פאַרגרייטן אַ היים,
ווי מענטשן וואָס קלעפּן
אַ כאַטע פון ליים.

כ׳האָב ליב ווען מען בויט —
ווי מוראַשקעס פון שטרוי,
ווי בינען פון ליים,
ווי מענטשן פון שטיינער —
אַ וואַרעמע היים.

רמת־גן, דעם 3טן יולי 1959

מיין לעצטער האַפן

מיין חנהן

א

עס האָט מיין נייגער מיט אומרו געוואָגלט,
נייע האָריזאָנטן זען, פרעמדע לענדער, ווייטע,
פילן דעם אָטעם פון צעגרינטע לאַנען,
אויף בערג, וואָס האָבן מיט אייז געהאָגלט,
איבער שטעט מיט פאַרכישופטע־אַגאַמען. *

מיך האָט מיין אומרו, אַ צעוויגטע זעגלשיף,
געטריבן איבער צעכוואַליעטע ימען.
איך האָב מיט שרעק געקוקט אין תהומישן טיף,
און ווי אַ קינד זיך געהוידעט און געוויגט
אויף וואַסער־שטורעמס פון צעברויזטע אָקעאַנען.

מיין צעגליטע בעקשאַפט כ'האָב טייל מאָל געקילט,
און בלויגרינע וואַסערן פון שטילע טייכן,
דערלאַנגט ווי אַן אָדלער צו בערגיקע הייכן.
אין מיר האָט געפלאַטערט אַ פריידיק געפיל —
איך קאָן די זון מיט דער האַנט דערגרייכן!

ב

פאַר פרעמדע אויגן פאַרצוימט מיט הויכע צאַמען,
מיין האַרץ, באַהאַלטן אין דינע קעמערלעך, עס גאַרט —
פון ליבשאַפט צום באַשאַף צינדט עס בלויע פלאַמען.
עס האָט די נייע צייט מיך קיין מאָל נישט פאַרנאַרט,
ווי זי פאַרנאַרט אַ יונגן מענטש צו נאַרקאָ־סמען.

---

*) אָזערעס.

כ'וואַנדער תמיד מיט ליבשאַפט אין האַרץ — און חלום.
אין וועלט פון שנאה זוכט מיין שיף אַ שטילן ברעג,
אַ האַפן מיט אַ וועג-לאַמטערן אויפן ים —
מיט אַ גרינעם פייער אין אויג — פון שלום,
וואָס ווייזט די וואַנדערער, פאַרבלאָנדזשעטע דעם וועג.

ס'טרייבט דער ווינט — עס איילט מיין וואַנדערשיף אַהין,
צום אויסגעבענקטן חלום — זיסן וואַסערפאָרט.
האָפענונג, מיין קאָמפאַס, פירט די שיף מיט קלאָרן זין.
איך האָף, אַז דו וועסט זיין מיין לעצטער האַפן —
ווי דו, בין איך פאַרליבט אין אייביק-האָפן!

תל־אביב, דעם 4טן אָקטאָבער 1973

דער וועג צו זיך

איך האָב אַ סך וועגן אויף דער ערד,
זיבן מאָל אַדורכגעשניטן:
אויף אייזלען, אויף פרידהס און פערד,
אויף וועגענער און שליטנס.

מיט שיפן געשניטן די ימען,
די ערד — מיט צעפּיבערטע באַנען.
געאיילט זיך אויף מאָטאָר־מאַשינען,
געוויגט זיך אין עראָפּלאַנען.

ווי אַ קרעט — געהיימערהייט —
דורכגעגראָבן גרענעצן אין קריג.
מיט פרייד — אין גרינער שלום־צייט —
געוואַנדערט פריי, אַן אָדלער אין געמיט!

אויפן וועגן־געוועב פון דער ערד —
געזען פון דער הויך, ווי אַ נעץ פון שפּינען,
האָב איך געזוכט דעם וועג צו זיך,
און קיין מאָל אין ערגעץ נישט געפונען!

תל־אביב, דעם 22־טן מערץ 1977

ס׳געזאַנג פון בלוט

איך האָב געזאַנג דערהערט
אין מיין מאַמעס ערשטן רוף —
מיין קינד!

איך האָב לעבנספרייד דערפילט
אין קלאַנג פון ערשטן וואָרט —
מאַמע!

מיין כוח אין גוף איז געוואַקסן,
ווען מיין האַנט האָט געהאַלטן —
מיין טאַטע.

כ׳האָב ערשטע שיינקייט דערזען
ביים פאַרגיין פון דער זון —
אין פאַרבנשפּיל פון שקיעה.

די ערשטע שרעק האָב איך דערקענט
אויפן ראַנד פון דער נאַכט —
דורך שוואַרצע שאָטנס אויף ווייסע ווענט.

די זיסקייט פון חלומות דערפילט,
ווען מיין יינגל־פיבער האָט דערוואַכט.
כ׳האָב געחלומט פון איר, געציטערט און געטראַכט.

תל־אביב, דעם 12טן מיי 1977

בלויע אויגן צוויי

עס האָט מיין לאַנד אויגן צוויי,
טיפֿע, ווי די הימלען בלויע.
מיט פֿרייד אין האַרץ איך קוק אויף זיי —
ווערן זיי מיר ליב און טייער.

קוקט איין אויג צו מיר פֿון צפֿון,
קוקט דאָס צווייטע אויג פֿון דרום.
ס׳אויג פֿון ים־המלח — בלייך, פֿאַרשלאָפֿן,
ס׳כנרת־אויג — מילד, ווי נאָך אַ שטורעם.

פֿון די גרינע בערג אויף צפֿון,
פֿון פֿאַרברוינטע בערג אויף דרום,
ווען איך זע די אויגן, וויל איך האָפֿן,
ס׳וועלן מער נישט זיין קיין פֿייער־שטורעמס.

עס האָט מיין פֿאָלק פֿון דורות לאַנג
פֿון „אחרית הימים״ אַ חלום:
קומען וועלן טעג, ווען וואָלף און לאַם,
ווי ברידער, וועלן לעבן זיך בשלום.

עס האָט מיין לאַנד אויגן צוויי,
טיפֿע, ווי די הימלען בלויע.
מיט פֿרייד אין האַרץ איך קוק אויף זיי —
ווערן זיי מיר ליב און טייער.

תל־אביב, 6טן יוני 1978

פלאַקאַט

(שלום־געזאַנג)

זאַמל, דיכטער אויף
דאָס לעבעדיקע, יונגע פאָלק,
וואָס וויל נישט מער קיין שלאַכט!
זאַמל איין די יוגנטפרייד,
דאָס ריטמישע באַוועגן זיך פון האַרץ,
דאָס דורשטיקע געזאַנג, דאָס רוישיקע —
צו אַ בלויען טאָג פון פעלקער,
אַ זוניקן — אַ פרייען!

זאַמל, דיכטער, אויף
די אַלע יונגע,
ווען ס'לעבן איז נאָך טייער:
די וואָס טובלען זיך אין שטורעמנאַכט —
ראַנגלען זיך צום טויט פאַר לעבן,
ברענען אויס, ווי האָלץ, אין פייער.

זאַמל, דיכטער, אויף
דעם שטומען צער פון די טאַטעס,
די נישט־געטרייסטע מאַמעס,
זייערע שטילע געוויינען —
אויף די אומעטיקע
קברים־שטיינער.

זאַמל, דיכטער, אויף
פון אויגן דעם טרויער —
ביי קינדער יתומים,
ווען דער שלום האָט פאַרראַטן.

נעם זיי אַרום און טוליען צום האַרץ
זייער בענקשאַפט
נאָך אַ וואַרעמע האַנט פון אַ טאַטן.

זאָמל, דיכטער, אויף
די איינזאַמע מלחמה־אלמנות,
זייערע אומרויִקע נעכט.
די שטילע בענקשאַפט
נאָך אַ מענטשלעכן באַהעפט,
זייער פאַרשעמטע ליבשאַפט —
פלעכט אויס אַ קראַנץ פון צער!

זאַמל, דיכטער, אויף
דאָס אייביקע געוויין
פון די צו קבורה נישט געבראַכטע,
זייער ליבשאַפט צום לעבן אַליין,
זייער אומשטערבלעכן חלום —
שטעל אַ מאָנומענט פון שלום!

זאַמל, דיכטער, אויף
פון אונדזער נעסט אַלע שלום־טויבן,
עפן אויף די טיר פון דיין געצעלט,

עס זאָלן דיינע פרייע טויבן,
אויף די פליגל, די ווייסע,
צעטראָגן די בשורה — שלום!
שלום דיר — וועלט!

תל־אביב, דעם 24טן סעפטעמבער 1978

דער נאַכט־שומר — יופּיטער

דער נאַכט־שומר יופּיטער
האָט מיט אַ שנעל אין נאָז
דעם גולם־קאָמפּיוטער
פֿאַרלאָשן אַלע פֿינקלדיקע
שטערן אין הימל.

בלויז די בלייכע לבנה,
באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקן,
האָט מיט שווינדזוכט־שיין
באַשאָטנט מיט רו
די פֿאַרשלאָפֿענע וועלט.

דער נאַכט־שומר, יופּיטער
האָט שפּעטער מיט אַ שאַרפֿן נאָס
אויפֿן גולם־קאָמפּיוטער
פֿאַרלאָשן אַלע לאָמפּן
פֿון דער גרויסער שטאָט.

בלויז איין קאַליקע־לאָמפּ,
אַ שטערן, לייכט אין בלויען קאַיאָר,
ער דערמאָנט די מענטשן:
די נאַכט — די נאַכט
איז נאָך נישט פֿאַרביי!

ראשון־לציון, דעם 6טן מאַרץ 1979

אין פרעמדע הימלען

מיר פליִען, מיר פליִען — אומענדלעכע הייכן,
איבער פעלדער מיר פליִען, אויף סנאָפּעס פון שניי,
די פייגל, זיי וועלן די הייך נישט דערגרייכן —
דער מענטשלעכער שכל פליט העכער פון זיי.

עס הייבט די מאַשין אונדז אַלץ העכער און העכער,
טראָגט ווי אַ בליץ זיך אין הימלישע ווייטן;
פון אונטער די פליגל — די הייזער מיט דעכער
ליגן, ווי שאַכטלעך שוועבל צעשפּרייטע.

אונטער די רעדער בערגלעך פון שניי,
וואָס האָבן די שטעט אונטער זיך שוין פאַרשאָטן.
עס לויפט עראָפּלאַן מיט טייוולאָניש געשריי,
לאָזט אונטער זיך דעם געבערגבלוי צעטראָטן.

ס׳וויל שטאָלענער אָדלער די צייט איבעריאָגן.
ווי צו די פייגל וואָס פליִען פאַרביי!
די וואָס באַווייזן נישט פלינק צו אַנטלויפן —
פאַלן זיי טויטע אויף בערגלעך פון שניי.

מיר פליִען, מיר פליִען — אומענדלעכע הייכן,
איבער פעלדער מיר פליִען, אויף סנאָפּעס פון שניי.
די פייגל, זיי וועלן די הייך נישט דערגרייכן,
דער מענטשלעכער שכל פליט העכער פון זיי.

טראַנסאַטלאַנטישער פלי, פּאַריז־ניו־יאָרק
דעם 21טן יוני 1966

בלאַסער אָוונטשיין

ס'איז מיין יוגנט
שוין פאַרגאַנגען,
ווי אַ ראָזער
זומערטאָג.
אין אָוונטשיין,
ווערן בלאַס,
צעברעכן זיך,
די שטריכן
פון מיין פּנים
אין שפּיגל
פון שקיעה.

פאַר טאָג
עס חלומט
נאָך אין מיר
די נאַכט,
גייען אויף
מיט בלוי
פון קאַיאַר
געזאַנגען,

וואָס זענען
מיט מיין יוגנט
שוין פאַרגאַנגען.

ווייל איך מיר
פּותר זיין
מיין חלום,
וואָס שלאָפט
אין די ווייכע
קנייטשן
פון מיין פּנים,
ווי אַ סוד,
אין די פאַלדן
פון אַ פרויענקלייד
באַהאַלטן.

הייס איך שמואל —
נישט יוסף —
און קען די קער
פונעם חלום
נישט צעשפּאַלטן...

תלאביב, דעם 8טן יאַנואַר 1981

א י נ ה אַ ל ט

וועלט און מענטש

דער מענטש 9
דאָס האַרץ 10
דער ראַק 11
חמסין 12
דורות 14
דאָס געוויין פון געפאַלענע־שטערן 16
אַטאָם 17
עקאָלאָגיע 19
ערדציטעניש 21
דער הוראַגאַן 23
סוסלעס 24
שטערן פאַל וויינענדיק 26

מיין ליד

דממה 29
מיין ליד 30
געראַנגל 31
צום דיכטער היינריך היינע 32
מיט שלום עליכמען 34
טרערן 35
אינסטינקט 36
פּאַראַפראַזע 37
כ'זע דיך אין ליכט 38

פון משפחה אַלבאָם

אונדזער ניגון 41
צווילינג ברידער 43
צו עדנהלעס בת־מצווה 45
צו מיין הערשעלען 46
מיין טאַטנס בלויער סאַד 48
מיין טאַטנס לעצטער בריוו 50
מיין טאַטנס סאַד לעבט אין מיר 52

וואַרשע ערב...

דער איינציקער בוים אויפן הויף 55
אַבאָרטן 56
פּלאַקאַטן 57
כ'האָב געזען אַן ערשטן מיי 58
אָדלער מענטש 59
הייל דיר זיגער 60

נאָכן בלוטיקן מבול

ליד צו געטאָ־העלדן 65
נעבן אויסגעברענטן געטאָ־מויער 67
מיין פרייד, וואָס האָט מיך דאָ פאַרלאָזן 68
אַ פייער רעגן איבער וואַרשע 69
האַרבסט אין פוילן 71
מיך פירט מיין אומרו 72
ביים געטאָ־דענקמאָל 73

יזכור

כ'האָב געהערט גאָט וויינען 77
דער לעצטער עכאָ 78
הריגה־שליאַך 80
געזעגענונג 81
✶ 82
צו שפעט 83
צום טויט פון חבר בענצל 84
אונדזער יידיש־גאָרטן 86

✡ ✡ ✡

אין אַ שלוהדיקער שעה 89
יוגנט־לידער 90
בריוו צום חבר קים 92
די גאָלדענע פאַווע 94

איין מאָל

רויזן צוויי 97
ליבעשפיל 98
איין מאָל 100
טרי־לי, טרי־לי 102
זומער־בלומען 103
ליבע און שנאה 104

מיין לעצטער האָפן

ביים קבר פון שמואל הנביא 107
כ'האָב ליב ווען מען בויט 108
מיין לעצטער האָפן 109
דער וועג צו זיך 111
ס'געזאַנג פון בלוט 112
בלויע אויגן צוויי 113
פלאַקאַט (שלום געזאַנג) 114
דער נאַכט שומר — יופיטער 116
אין פרעמדע הימלען 117
בלאַסער אָוונטשיין 118